THE POETRY OF MOYSHE-LEYB HALPERN
LIT 5526

I. From <u>In New York</u> 1919

## זאָג איך צו מיר —

— צי מוזסטו בײַם פֿענצטער דאָ שטײן?
דו קענסט דאָך אין גאַס אַרײַן גײן.

— די גאַס איז פֿאַר הענדלער און לײַט,
וואָס מעסטן מיט געלט זײער צײַט;
די גאַס איז פֿאַר באַנען, וואָס פֿליִען
ווי פֿייגל אַהער און אַהין;
די גאַס איז פֿאַר קינדער און קעץ,
וואָס שפּרינגען ווי פֿיש אין אַ נעץ;
די גאַס איז פֿאַר שיכּורע אויך,
וואָס וואַקלען זיך גרויע ווי רויך,
און גיבן אַוועק זײ'רע טעג
צו פּלאָנטערן זיך אויפֿן וועג.

— ראַזיר זיך, און בערשטל זיך אָפּ
און גײ אין קאַפֿעהויז אַראָפּ.

— דאָרט זיצן דאָך אַלע אין ראָד,
ווי נאַקעטע ווו אין אַ באָד,
דאָרט קריכט מען דאָך אויך אין דער הייך,
און שמײַסן זיך שמײַסט מען דאָרט אויך,
אַזוי ווי אין באָד אויף די טרעפּ,
מיט בעזעמער איבער די קעפּ.
און רעדן אויך — זיצט מען און רעדט
פֿון זיך און פֿון ווײַב און פֿון בעט,
און שלעפֿערדיק — שלאָפֿט מען אויך דאָרט
בײַם טיש אויף דעם אײגענעם אָרט.

— קויף בלומען און קלאַפּ אין דער טיר
אין הויז, ווו מען וואַרט הײַנט אויף דיר.

— וואָס טויג מיר יחסנישער שטאָלץ
אויף פּנימער האַרטע ווי האָלץ?
וואָס טויג מיר די רײַכקייט, וואָס שרײַט,
ווי נאָכגעמאַכט סאַמעט און זײַד?
וואָס טויג מיר דאָס פֿײַער, וואָס ברענט

פֿון דימענטן גרויסע, אויף הענט?
וואָס טויג מיר די ליבע, די לוסט,
וואָס ווײַזט מיר אַ נאַקעטע ברוסט?
וואָס טויג מיר די רײַכקייט, וואָס לאַכט
פֿון אַלצדינג, וואָס בענקט און וואָס טראַכט?

— די וועלט, חוץ דער שטאָט, איז דאָך גרויס,
פֿאַר וואָס זשע ניט וואַנדערסטו אויס?

— איך ווייס, אַז נאָך גרויס איז די וועלט,
און רײַך נאָך אין וואַלד און אין פֿעלד,
נאָר איך קען ניט פּועלן בײַ זיך
צו נעמען אויף די אַקסל די שיך.
אויך דאָ בלײַבן קען איך ניט מער,
ווײַל דאָ בלײַבן איז מיר צו שווער.
נו, לעב איך און וואַרט אויף אַ נס.
און לעבעדיק — בין איך אַ מת,
וואָס וואָגלט פֿאַרלוירן און שטום
און עולם־התּוהו אַרום.

## *I Say to Myself*

Why do you stand at the window like that?
Why don't you go out in the street?

The street is for merchants and such
As measure their time in cash.
The street is for railways that fly
Like birds back and forth in the sky.
The street is for children and cats
Leaping like fish in nets.
The street is for drunkards as well,
Who wobble like smoke till they fall,
Wasting what's left of their days
As they stumble about in a maze.

Why don't you shave—brush your clothes,
Go visit your old coffee house?

Like men in a bath, they all sit,
Naked and waiting to sweat,
Each crawling higher and higher.
Beating themselves, they perspire,
Flicking with whisks at their skulls
As they climb up the heat in the walls.

And talk! How they talk of themselves,
Of their wives and their griefs and their beds
Until they grow sleepy and close
Their eyes at the table and doze.

Buy flowers. Go knock on the door
Of that house where your old friends are.

I don't care for such pride as I'll find,
Wooden faces, grown hard, grown unkind.
I don't care for their riches. They shriek
Of fraudulent satin and silk.

I don't care for their love, or a lust
That too quickly uncovers a breast.
I don't care for their wealth. It disdains
Whatever is thoughtful or yearns.

But the world is much more than this town.
Travel a bit—look around.

I know that the world is broad
And rich in meadow and wood.
But I cannot persuade myself now
Is the time to shake loose and to go.
On the other hand, just staying here
Is more than a man ought to bear.

So I wait for a bolt from above
And I live like a zombie who moves
Swaying and lost through the house
In a world of mistakes, still a corpse.

*Leonard Wolf*

## Watch Your Step!

גאָלד איז די צײַט אין דעם גאָלדענעם לאַנד.
גיט מען אַ קלונג און אַ הויב מיט אַ האַנט,
קלאַפּן זיך טירן צו הילכיק און שנעל,
פליט דער עקספּרעס דורכן שוואַרצן טונעל
שנעלער פון ווינט און געשווינדער פון בליק,
פליִען פאַרבײַ מיט דער וואַנט אויף צוריק
שטערן נאָך שטערן אין גרין און אין רויט —
גרין איז דאָס לעבן און רויט איז דער טויט.
לאָזט אַ סיגנאַל זיך פאָרויס אין געיעג,
וואַרפט ער און שלײַדערט ער אַלץ אויסן וועג.
רודערן רעדער אין ווילדן געלויף,
טראָגן זיך באַנען אַראָפּ און אַרויף,
טראָגן זיך פייגל פון גאָלד און פון גלוט,
צינדט זיך מיר אָן אַ באַגער אין מײַן בלוט
הייסער פון גלוט און נאָך העלער פון גאָלד.
העי! ווי עס וואָלט זיך אַ כאַפּ טאָן געוואָלט
אַט-אַזאַ פויגל — האַ-האַ, סאַראַ פּראַכט!
יאָגט ער פאַרבײַ ווי אַ בליץ אין דער נאַכט.
יאָגן און טראָגן זיך פייגל און פליִען
ליכטיק, ווי בליצן, אַהער און אַהין.
ליכטיק, ווי בליצן פאַרבײַ נאָכאַנאַנד —
גאָלדענע פייגל פון גאָלדענעם לאַנד.

## *"Watch Your Step!"*

Time is gold in the Golden Land.
The ring of a bell and the wave of a hand,
And doors snap shut, express trains fly
Through black tunnels, quick as the eye.
Walls fly backwards, like a screen
With star after star in red and in green—
Life is green, and death is red.
Once a signal is sent out ahead
It hurls everything out of its way,
Wheels whirl in a wild hurray,
Trains swing up, swing down, swing fast,
Birds of gold and greed zip past,
Desire ignites in my blood, behold:
Hotter than greed and brighter than gold.
Hey!—If only I could grab in my hand
Such a bird! Oh-Ho, how grand!—
Like lightning flashing in the night.
Birds race and dart and soar in flight,
Brilliant as lightning, flash and expand—
Golden birds in the Golden Land.

## אין גאָלדענעם לאַנד

צי דען וואָלסטו, מאַמע, מיר גלייבן געוואָלט,
אַז אַלצדינג בײַ אונדז ווערט פאַרוואַנדלט אין גאָלד,
אַז גאָלד ווערט פון בלוט און פון אײַזן געמאַכט,
פון בלוט און פון אײַזן בײַ טאָג און בײַ נאַכט?

— מײַן זון, פאַר אַ מאַמען באַהאַלט מען זיך ניט, —
אַ מאַמע דערקאָנט און אַ מאַמע פילט מיט.
מיר דאַכט זיך, אַז דו האָסט קיין ברויט צו דער זאַט
אויף דאָרט אין דעם גאָלדענעם לאַנד ניט געהאַט.

אוי מאַמע, מײַן מאַמע, צי פאַלט עס דיר אײַן,
אַז ברויט בײַ אונדז וואַרפט מען אין וואַסער אַרײַן
דערפאַר, ווײַל עס גיט אונדז אַזוי פיל די ערד,
אַז ס׳הייבט אָן פאַרלירן דעם גאָלדענעם ווערט?

— איך ווייס ניט, מײַן זון, נאָר עס וויינט מיר מײַן האַרץ —
דײַן פּנים זעט אויס ווי די נאַכט אַזוי שוואַרץ
און שלעפערדיק פאַלן די אויגן דיר צו,
אַזוי ווי בײַ איינעם וואָס חלשט נאָך רו.

— אוי מאַמע, מײַן מאַמע, דו האָסט דאָך געהערט
פון באַנען, וואָס יאָגן זיך אונטער דער ערד,
פאַר טאָג שלעפט די באַן פון געלעגער אַרויס
און שפּעט אויף דער נאַכט ברענגט זי ווידער אין הויז.

— איך ווייס ניט, מײַן זון, אָבער טיף איז מײַן וווּנד:
איך האָב דיך אַוועקגעשיקט יונג און געזונט —
מיר דאַכט זיך, אָט נעכטן ערשט איז עס געווען.
און הײַנט מוז איך ווידער אַזוי-אָ דיך זען.

— וואָס צאַפּסטו מיר, מאַמע, פון האַרצן דאָס בלוט?
צי פילסטו דען גאָרנישט ווי וויי דאָס מיר טוט?
וואָס וויינסטו, מײַן מאַמע, צי זעסטו דען אויך,
ווי איך אַזאַ וואַנט אַזוי פינצטער און הויך?

— ווי זאָל איך ניט וויינען, מײַן זון, איבער דיר?
פאַרגעסן אָן גאָט און פאַרגעסן אָן מיר.
איצט איז דיר דאָס אייגענע לעבן אַ וואַנט,
וואָס שטייט דיר אין וועג אין דעם גאָלדענעם לאַנד.

— גערעכט ביסטו, מאַמע, מיר זײַנען צעשיידט.
אַ גאָלדענע קייט... און אַן אײַזערנע קייט.
אַ גאָלדענער שטול — אין הימל פאַר דיר,
אין גאָלדענעם לאַנד — אַ תליה פאַר מיר.

## *In the Golden Land*

Would you, mama, believe if I told
That everything here is changed into gold,
That gold is made from iron and blood,
Day and night, from iron and blood?

—My son, from a mother you cannot hide—
A mother can see, mother is at your side.
I can feel from here, you have not enough bread—
In the Golden Land you aren't properly fed.

—Mama, oh mama, can you not see
That here they throw bread in the sea,
Because, when too bountiful is the earth,
It begins to lose its golden worth?

—I don't know, my son, but my heart cries:
Your face looks dark as the night's skies,
Your eyelids close, your head on your chest,
Like the eyes of a man dying for rest.

—Mama, oh mama, heven't you heard
Of trains racing under the earth,
That drag us from bed at break of dawn
And late at night bring us back home.

—I don't know, my son, but my heart is wrung:
I sent you away healthy and young—
It seems it was just yesterday!
And I want to see you like that today.

—Why do you, mama, sap the blood of my heart?
Can you not feel how it pulls me apart?
Why are you crying? Do you see at all
What I see here—a high and dark wall?

—Why shouldn't I cry, my son? You see:
You've forgotten God and forgotten me.
Now your own life is a wall that will stand
Blocking your way in the Golden Land.

—Mama, you're right. We're divided in pain.
A golden chain . . . and an iron chain . . .
A golden throne—in heaven for thee,
In the Golden Land—a gallows for me.

*The first published version of this poem appeared in the satirical review* Der Kibitzer *in 1911. Rewritten several times, it became one of Halpern's most famous self-characterizations, a provocative repudiation of the dominant artistic preference for refinement and lyrical subtlety.*

## דער גאַסנפּויקער

זינגט דער פֿויגל פֿרײַ און פֿריילעך,
ציטערט אויף זײַן טראָן דער מלך,
ציטערן איז ניט כּדאי,
זינג איך, ווי דער פֿויגל, פֿרײַ,
און געשווינד,
ווי דער ווינט,
טאַנץ איך הפֿקר, טאַנץ איך בלינד,
גאַס אַרײַן און גאַס אַרויס! —
בין איך קראַנק און אַלט און גראָ,
וועמען אַרט עס — האָ־האָ־האָ!
פֿאַר אַ קופּער־גראָשן בלויז
פּויק איך, אַז די פּויק זאָל פּלאַצן,
און איך דזשינדזשע אין די טאַצן,
און איך דריי זיך רונד אַרום —
דזשין, דזשין, בום־בום־בום.
דזשין דזשין בום!

קומט אַ מיידל אַ מכשפֿה,
צינדט זיך אָן אין מיר אַ שׂריפֿה,
נעם איך זיך נאָך ווילדער דרייען,
און איך פּרעס צונויף די ציין,
און איך ברום:
— מיידל קום,
גיב די הענט, און נעם אַרום,
הייסער טאַנצט זיך עס צו צוויי.
ס'האָט אַזאַ ווי דו אַ שלאַנג,
מיך פֿאַרלאָזן ערשט ניט לאַנג.
קרענקט דאָס האַרץ און פּלאַצט פֿאַר ווײ —
פּויק איך אַז די פּויק זאָל פּלאַצן,
און איך דזשינדזשע אין די טאַצן,
און איך דריי זיך רונד אַרום —
דזשין, דזשין, בום־בום־בום.
דזשין דזשין בום!

לאַכן קינדער לוסטיק, מונטער,
פֿאַל איך ניט בײַ זיך אַרונטער,
רירט זיך יונגען! פֿלינקער — האָפּ!
נאָך אַ מאָל אַ זעץ אין קאָפּ.
נאָך אַ שפּײַ!
סײַ ווי סײַ
מיטן שפּרונג גייט אַלץ פֿאַרבײַ.
צוגעוווינט צו אַל דאָס בייז,
קנײַפּ איך אַ שטיק ברויט פֿון טאַש.
און איך זשליאָקע פֿון דער פֿלאַש.
ברענט דאָס בלוט, און רינט דער שווייס —
פּויק איך אַז די פּויק זאָל פּלאַצן,
און איך דזשינדזשע אין די טאַצן,
און איך דריי זיך רונד־אַרום,
דזשין, דזשין, בום־בום־בום.
דזשין דזשין בום!

אָט אַזוי זיך דורכגעריסן,
דורכגעריסן, דורכגעביסן
מיטן קאָפּ ווי דורך אַ וואַנט,
איבער שטעג און וועג און לאַנד
מיט די ציין —
האָק דעם שטיין!

## The Street Drummer

The bird sings free and clear, alone,
There the king trembles on his throne.
Trembling is too absurd:
I sing freely as the bird;
And as fast
As the wind's blast
I dance wildly, blindly past,
Street-out and street-in!
If I'm sick and old and gray,
Who could care, ha-ha-hey!
For only a copper coin, or tin,
As if to break
The drum, I bang
And then I make
The cymbals clang
And round and round about I spin—
*Boom! Boom! Din-din-din!*
*Boom! Boom! Din!*

A girl comes along, a sorceress,
A blaze ignites inside me; yes,
I dance more wildly round about,
And start to clench my teeth, and shout
As I twirl,
*Hold hands, girl,*
*And grab me round while round we whirl:*
*Dancing's hotter done in couples.*
*A girl like you—a killer, though—*
*Left me not so long ago.*
My sick heart breaks with pain and troubles,
So as if to break
The drum, I bang
And then I make
The cymbals clang
And round and round about I spin—
*Boom! Boom! Din-din-din!*
*Boom! Boom! Din!*

Children laugh in sport and fun
But I don't want to be outdone:
Shake a leg, kids! Hop on by,
One more punch, then, in the eye.
One more spit!
In spite of it
With one jump everything is quit.
Inured to all with an evil name,
From my pocket I pinch some bread
And swig from my flask; down from my head
The sweat pours, and my blood's aflame.
So as if to break
The drum, I bang
And then I make
The cymbals clang
And round and round about I spin—
*Boom! Boom! Din-din-din!*
*Boom! Boom! Din!*

That's the way I've torn on through,
Torn my way, and bitten, too,
With my head as through a wall,
Cross-country, over roads and all.

האַק דעם שטיין און בלײַב אַליין!
הונט און שלעפּער, לומפּ און ווינט.
הפקר, הפקר דורך דער פֿרעמד!
האָב איך ניט קיין ראָק, קיין העמד,
האָב איך ניט קיין ווײַב, קיין קינד.
פּויק איך אַז די פּויק זאָל פּלאַצן,
און איך דזשינדזשע אין די טאַצן,
און איך דריי זיך רונד־אַרום —
דזשין, דזשין, בום־בום־בום.
דזשין דזשין בום!

Break the stone
With tooth and bone!
Break the stone and stay alone!
Dog and bum, clod and wind so wild;
Reckless and free, on alien dirt,
I have no coat, I have no shirt,
I have no wife and I have no child.
So as if to break

The drum, I bang
And then I make
The cymbals clang
And round and round about I spin—
*Boom! Boom! Din-din-din!*
*Boom! Boom! Din!*

*John Hollander*

## Memento Mori

און אַז משה־לייב, דער פּאָעט, וועט דערציילן,
אַז ער האָט דעם טויט אויף די כוואַליעס געזען,
אַזוי ווי מען זעט זיך אַליין אין אַ שפּיגל,
און דאָס אין דער פֿרי גאָר, אַזוי אַרום צען —
צי וועט מען דאָס גלייבן משה־לייבן?

און אַז משה־לייב האָט דעם טויט פֿון דער ווײַטן
באַגריסט מיט אַ האַנט און געפֿרעגט ווי עס גייט?
און דווקא בעת ס׳האָבן מענטשן פֿיל טויזנט
אין וואַסער זיך ווילד מיט דעם לעבן געפֿרייט —
צי וועט מען דאָס גלייבן משה־לייבן?

און אַז משה־לייב וועט מיט טרערן זיך שווערן,
אַז ס׳האָט צו דעם טויט אים געצויגן אַזוי,
אַזוי ווי עס ציט אַ פֿאַרבענקטן אין אָוונט
צום פֿענצטער פֿון זײַנס אַ פֿאַרהייליקטער פֿרוי —
צי וועט מען דאָס גלייבן משה־לייבן?

און אַז משה־לייב וועט דעם טויט פֿאַר זיי מאָלן
ניט גרוי און ניט פֿינצטער, נאָר פֿאַרבנרײַך שיין,
אַזוי ווי ער האָט אַרום צען זיך באַוויזן
דאָרט ווײַט צווישן הימל און כוואַליעס אַליין —
צי וועט מען דאָס גלייבן משה־לייבן?

## Memento Mori

And if Moyshe-Leyb, Poet, recounted how
He's glimpsed Death in the breaking waves, the way
You catch that sight of yourself in the mirror
At about 10 A.M. on some actual day,
Who would be able to believe Moyshe-Leybl?

And if Moyshe-Leyb greeted Death from afar,
With a wave of his hand, asking, "Things all right?"
At the moment when many a thousand people
Lived there in the water, wild with delight,
Who would be able to believe Moyshe-Leybl?

And if Moyshe-Leyb were to swear
That he was drawn to Death in the way
An exiled lover is to the casement
Of his worshipped one, at the end of the day,
Who would be able to believe Moyshe-Leybl?

And if Moyshe-Leyb were to paint them Death
Not gray, dark, but color-drenched, as it shone
At around 10 A.M. there, distantly,
Between the sky and the breakers, alone,
Who would be able to believe Moyshe-Leybl?

*John Hollander*

*Perets (1852–1915), whose poem "Monish" appears on page 3, was a dominant figure of modern Yiddish literature. His death in Warsaw, on April 3, 1915, at the beginning of the First World War, seemed to mark the end of an era and elicited the greatest expression of public mourning ~~ever~~ accorded a modern Jewish writer. It has been suggested that this poem is an anti-Kaddish: in contrast to the traditional prayer of mourning, it never mentions God's name, it condemns the Jews, and it reflects on impending death instead of resurrection.*

*L. 21: "that great hero . . . thirty shekels to the world": ~~Using~~ the anti-Semitic stereotype, the poem cites Jacob's shrewd purchase of the birthright from Esau, and Judas's betrayal of Jesus for thirty pieces of silver as proof of the unbridled Jewish mercantile spirit. The final part of the poem seems to echo the anguished questions of the Book of Job, addressed here not to God but to Perets, the great "dead lion."*

# יצחק לייבוש פּרץ

און דו ביסט טויט. און נאָך האָט דיך נישט צוגעדעקט די ערד
און איבער טויזנט גאַסן ווײַט ווי אַ גאַלאָפּ פֿון פֿערד
צעטראָגט זיך דאָס געלויף פֿון יונג און אַלט וואָס אײַלן זיך
און באָטן אָן צום קויף דאָס בלאַט וווּ טעלעגראַפֿיש גיך
אַנטפּלעקט מען אונדז מיט מאַרקגעשריי, אַז ס׳קלאַפּט ניט מער דײַן האַרץ,
און ווי אַ גרויסער פּוץ־רעקלאַם איז אײַנגעפּאַסט אין שוואַרץ
דײַן גרויער קאָפּ. און מיר, די גרויסע לײַט, וואָס דאַרפֿן שטום
און טיף געבויגן זײַן — מיר רינגלען שוין דײַן גײַסט אַרום,
ווי מוידן אין אַ שענק בײַ נאַכט אַ שיכּורן מאַגנאַט
און טרערן האָבן מיר און רייד, ווי פּערל רונד און גלאַט,
ווי רענדלעך גרויס און ווער פֿון אונדז עס האָט אין מויל אַ צונג
קלאַפּט אויס אַ ריטמיש וויי־געזאַנג ווי ס׳קלאַפּט אַ שוסטער־יונג
אַ גראָבן טשוואָק אַרײַן אין קנאַפּל פֿון אַן אַלטן שוך.
און יעדער קלאַנג איז פֿול מיט קויטיקייט און שווייסגערוך,
ווי נעגערפֿלייש און אַלץ איז סחורה בלויז — צום שוואַרצן יאָר! —
מיר האַנדלען דאָך מיט אַלץ, מיט אַלץ מיט וואָס עס לאָזט זיך נאָר —
מיט תּורות ווי מיט חזיר־האָר, מיט מענטש און טײַוולסקויט
איין וווּנדער נאָר פֿאַר וואָס מיר האָבן נאָך ביז הײַנט בײַם טויט,
ניט אויסגענאַרט זײַן מאָרדגעצײַג פֿאַר שנאַפּס און קופּערגעלט.
מיר זענען דאָך דאָס פֿלייש און בלוט פֿון יענעם גרויסן העלד,
וואָס האָט אַן ערשט־געבורט געקויפֿט פֿאַר איין טאָפּ לינזן בלויז
און האָט דאָך איינער אויך פֿון אונדז, אַ גאָט אין גאַנצער גרייס —
מישטיינס געזאָגט — פֿאַרקויפֿט דער וועלט פֿאַר דרײַסיק שקלים לוין;
און אויב דאָס אַלץ איז וואָר — פֿאַר וואָס זשע זאָלן מיר ניט שוין
אויך האַנדלען הײַנט מיט דיר, דו שטויב פֿון אונדזער העכסטן שטאָלץ,
וואָס ביסטו דען געווען פֿאַר אונדז? — אַ לעצטע גלאָוויע האָלץ,
וואָס ברענט אין סטעפּ בײַ נאַכט אין רינג פֿון אַ ציגײַנער־שטאַם;
אַ זעגל פֿון אַ שיף, וואָס ראַנגלט זיך מיט ווינט און ים;
אַ לעצטער בוים פֿון אַ פֿאַרכּישופֿט־וואָגלעדיקן וואַלד,
אַוווּ דער בליץ האָט דעמבעס־ריזן טויזנטיאָריק אַלט,
פֿון זייערע וואָרצלען אָפּגעהאַקט. און איצט? וואָס ביסטו איצט? —
אַ מענטש אויף קאַלטער ערד, באַוועגלאָז שטום, ווי אויסגעשניצט
פֿון מאַרמאָרשטיין אין שײַן פֿון טויטנליכט. אָן אָנהייב־סוף;
אַ בילד — אַ רגע זעונג בלויז פֿון יענעם לאַנגן שלאָף,
וואָס נעמט בײַ אונדז דעם טאָג, די נאַכט, דאָס ביסל לעבן צו
מיט גאָר דער שיינקייט פֿון דער גאַנצער וועלט. איז דאָס די רו?
איז דאָס דער טרוים פֿון אייביקייט אויף אונדזער טונקלען גאַנג?
פֿאַר וואָס זשע בייגט דער מענטש זיך טיף בײַם בלויזן טויטגעדאַנק
און וויינט פֿאַרוויטיקט, ווי אַ קינד, אין טונקלער נאַכט אַליין?
ווער פֿירט די וועלט? ווער הייסט דעם פֿרילינג אויפֿבליִען און פֿאַרגיין?
ווער טרײַבט אין טעג פֿון האַרבסט דעם ווינט דורך וויסטעניש און וואַלד?
און ווען דער אָדלער פֿליט ניט מער און ווען דער אָדלער פֿאַלט, —
פֿאַר וואָס מוז זײַן די ראָב וואָס רײַסט די אויגן אים אַרויס?
פֿאַר וואָס? פֿאַר וואָס מוז זײַן די האַנט וואָס שטרעקט, אָן שרעק, זיך אויס
צום טויטן לייב? צי ווײַנט דען ניט אין אָפּגעשונדן פֿעל
די זעל פֿון אים — פֿון טויטן לייב די קעניגלעכע זעל?
פֿאַרגיב פֿאַר וואָס איך פֿרעג אַזוי. זײַ מוחל מיר. פֿאַרגיב.
ווי קען איך אַנדערש דען? איך האָב דאָך אויך דאָס לעבן ליב
און אויגן האָב איך אויך, און אָפּענע, און איך בין בלינד.
נאָך אַלעמען בין איך דאָך אויך אַ פּראָסטן קרעמערס קינד.
און ווי עס בענקט נאָך רעגנגאַנג אַ שטיק פֿאַרטריקנטע ערד,
האָב איך אין דײַן ליכטיקייט צו לײַטערן באַגערט.
און ווי עס ציטערן נאָך ברויט בײַם אָרעמאַן די הענט,
באַגער איך איצט דײַן גײַסט צו זען וואָס האָט זיך אָפּגעווענדט
און וואָס איך זע איז בלויז די נאַכט אין דיר, דעם טויט אין דיר,
די וויסטעניש, וואָס וועט אָן דיר נאָך וויסטער זײַן אין מיר.
געבענטשט איז דער פֿאַר וועמען ס׳איז אַ יענע וועלט נאָך דאָ.
פֿאַר אים איז דאָ אַ טרייסט. פֿאַר מיר איז גאָרנישט, גאָרנישטאָ.
פֿאַר מיר וועט נאָך אַ טויטנליכט פֿאַרלירן זיך אין רויך,
פֿאַר מיר וועט נאָך אַ קבֿר־שטיין אין דר׳ערד פֿאַרזינקען אויך.

און ווײַטער וועל איך זען פֿאַר זיך דאָס רעטעניש — דעם טויט
און בלאַנקען וועט זײַן סערפּ פֿאַר מיר אַזוי ווי פֿײַער רויט,
אַזוי ווי פֿײַער רויט,
אַזוי ווי גאָלד,
אַזוי ווי בלוט.

# *Yitskhok Leybush Perets*

And you're dead. And you've not yet been covered by the ground;
Far through a thousand streets like horses galloping round,
Young and old newsboys spread, rushing about their business,
Hawking papers through which, with telegraphic swiftness,
We know now that your heart's not beating anymore.
Here, splashed as in a great advertisement, is your
Gray head, black-framed. We Important Persons, who, at most
Should be prostrate and dumb, now ring around your ghost,
As in a bar some rich old drunk's encircled by girls.
And we have tears and words as round and smooth as pearls,
As large around as coins. And everyone with a tongue
Inside his head now beats out, like a shoemaker's young
Apprentice, hammering away at a heavy nail
In an old shoe's heel, pounds out a rhythmic dirge, a wail.
Every sound is full of dirt, of the smell of sweat
Like a black skin; and everything's just merchandise. Hell! Yet
We'll deal in everything that sells, of every sort,
In Torahs and pigs' bristles, in men and devil's dirt.
Indeed, it's a wonder that all this time we haven't been
Cheating Death of his sickle for pennies and some gin.
But then, we're flesh and blood of that great hero who
Bought, for a mess of pottage, a birthright; and then, too,
One of our number—a god as large as life, they say—
Was sold for thirty shekels to the world. Today,
Then, all this information being strictly true,
Indeed, why after all should we not trade in you?
Dust of our pride—what were you? A log not all burned up
Glowing in a gypsy camp at night out on the steppe;
The sail of a ship that wrestles with the wind and sea;
In a wandering wood bewitched, the last standing tree
Where lightning felled great oaks a thousand winters old,
Cut down at the roots. What are you now? On the cold
Ground, a silent man motionless as if penned
In marble by the deathcandle. A beginning-end.
An image—a glimpsed, momentary image now of it,
That long sleep taking day and night from us, a bit
Of life with all the world's beauty. Can this, then, be
Peace? this, our dark journey's dream of eternity?
Why does man fall prostrate at thoughts of death and moan
Like a child crying, out in the dark night alone?
Who orders spring to flower and fade? Who guides the world?
Who on autumn days, through wild and forest, has hurled
The wind? And when the fallen eagle no longer flies,
Why must there be a raven to rip out both his eyes?
Why can a fearless hand touch the dead lion? Why
Does not the regal soul of the lion pour forth a cry
From the flayed hide? Forgive my asking all this. Forgive.
But what else can I do? I, too, love to live.
And I have eyes
And I have eyes, yes; open eyes. And I am blind.
And I am the child only of a common kind
Of grocer. And like a clod of withered earth that quite
Longs for rain, I long to be bathed in your light.
And like the poor man's hands, trembling at the bread,
I want the sight of your averted spirit. The dead
Of you, the night of you, is all I now can see:
This wasteland, with you gone, is emptier for me.
Blessed is he for whom there is a world to come:
There can be no such solace for me. Yet one more tomb—
Mine—will sink below the ground, and yet one more
Death candle—mine—will end in smoke; and as before
I shall be reading always the riddle of the dead,
Death's sickle flashing up in front of me in red
Fire. Like red fire.
Like gold.
Like blood.

*John Hollander*

# THE BIRD דער פויגל

So this bird comes, and under his wing is a crutch,
And he asks why I keep my door on the latch;
So I tell him that right outside the gate
Many robbers watch and wait
To get at the hidden bit of cheese,
Under my ass, behind my knees.

Then through the keyhole and the crack in the jamb
The bird bawls out he's my brother Sam,
And tells me I'll never begin to believe
How sorely he was made to grieve
On shipboard, where he had to ride
Out on deck, he says, from the other side.

So I get a whiff of what's in the air,
And leave the bird just standing there.
Meanwhile—because one never knows,
I mean—I'm keeping on my toes,
Further pushing my bit of cheese
Under my ass and toward my knees.

The bird bends his wing to shade his eyes
—Just like my brother Sam—and cries,
Through the keyhole, that *his* luck should shine
Maybe so blindingly as mine,

Because, he says, he's seen my bit
Of cheese, and he'll crack my skull for it.

It's not so nice here any more.
So I wiggle slowly toward the door,
Holding my chair and that bit of cheese
Under my ass, behind my knees,
Quietly. But then, as if I care,
I ask him whether it's cold out there.

They are frozen totally,
Both his poor ears, he answers me,
Declaring with a frightful moan
That, while he lay asleep alone
He ate up his leg—the one he's lost.
If I let him in, I can hear the rest.

When I hear the words "ate up," you can bet
That I'm terrified; I almost forget
To guard my bit of hidden cheese
Under my ass there, behind my knees.
But I reach below and, yes, it's still here,
So I haven't the slightest thing to fear.

Then I move that we should try a bout
Of waiting, to see which first gives out,
His patience, there, behind the door,
Or mine, in my own house. And more
And more I feel it's funny, what
A lot of patience I have got.

And that's the way it's stayed, although
That was some seven years ago.
I still call out "Hi, there!" through the door.
He screams back " 'Lo, there" as before.
"Let me out" I plead, "don't be a louse"
And he answers, "Let me in the house."

But I know what he wants. So I bide
My time and let him wait outside.

He inquires about the bit of cheese
Under my ass, behind my knees;
Scared, I reach down, but, yes, it's still here.
I haven't the slightest thing to fear.

*John Hollander*

קומט צוגיין אַ פֿויגל מיט אַ קוליע אונטערן פֿליגל
און פֿרעגט פֿאַרוואָס איך האַלט די טיר אויפֿן ריגל.
ענטפֿער איך אים, אַז פֿאַרן טויער
שטייען גזלנים אויף דער לויער,
וואָס ווילן אויסכאַפּן דאָס שטיקל קעז,
וואָס איך האַלט באַהאַלטן אונטער מיין געזעס.

וויינט דער פֿויגל דורכן שליסל-לעכל
און דערציילט מיר, אַז ער איז מיין ברודער מעכל,
און זאָגט, אַז איך האָב נישט קיין באַגריף
ווי ער האָט געליטן אויף דער שיף,
וואָס האָט אים אַריבערגעבראַכט אַהער.
אויפֿן קוימען — זאָגט ער — געקומען איז ער.

זע איך דאָך שוין, וואָס דער פֿויגל איז אויסן,
לאָז איך אים טאַקע שטיין אין דרויסן.
דערווייל אָבער, ווי עס מאַכט זיך אַ זאַך,
באַשליס איך ביי זיך צו זיין אויף דער וואַך,
און איך שטופּ אַרונטער מיין שטיקל קעז
נאָך טיפֿער אונטער מיין געזעס.

מאַכט דער פֿויגל, ווי מיין ברודער מעכל,
מיט אַ פֿליגל איבער די אויגן אַ דעכל

און ער שרייט דורכן שליס-לעכל אַריין,
אַז אַזוי זאָל דאָס מזל אים ליכטיק זיין,
ווי ער האָט געזען דאָס שטיק קעז, וואָס איך האָב,
און אַז ער וועט דערפֿאַר מיר שפּאַלטן דעם קאָפּ.

זע איך דאָך שוין, אַז סע ווערט נישט פֿריילעך,
רוק איך זיך צו צו דער טיר פּאַמעלעך
מיט מיין בענקל און מיטן קעז,
וואָס איך היט אין אונטער מיין געזעס
און איך מאַך נישט חלילה קיין געוואַלד,
נאָר איך פֿרעג אים גלאַט אַזוי, צי ס'איז קאַלט.

ענטפֿערט ער מיר, אַז ביידע אויערן
זיינען ביי אים אָפּגעפֿרוירן,
און ער שווערט מיר דאַביי מיט אַ גרויס געוויין,
אַז ער האָט אין שלאָף ביי זיך אַליין
אויפֿגעגעסן דעם פֿוס, וואָס אים פֿעלט,
און ווען איך לאָז אים אַריין וואָלט ער מער דערציילט.

פֿאַרשטייט זיך, דערהערט דאָס וואָרט: געגעסן, —
האָב איך זיך דערשראָקן. שיר נישט פֿאַרגעסן
אָפּצוהיטן דאָס שטיקל קעז,
וואָס איך האַלט באַהאַלטן אונטער מיין געזעס.
נאָר אָבי איך גיב אַ טאַפּ און ס'איז דאָ,
איז דאָך שוין ווידער קיין זאָרג נישטאָ.

מאַך איך אַ פֿאָרשלאַג, מיר זאָלן פּרובירן
ווער עס וועט (דאָס) געדולד פֿאַרלירן:
צי איך, אין מיין אייגן הויז ביי מיר,
צי ער, אין דרויסן הינטער דער טיר(?)
ס'איז, דאַכט זיך, טשיקאַווע אַזוינס צו דערגיין,
אַפֿילו — זאָג איך — פֿאַר זיך אַליין.

און אַזוי איז עס טאַקע זינט דעמאָלט געבליבן.
און היינט איז שוין אַוועק אַ יאָר זיבן,
שריי איך גוטמאָרגן צו אים דורך דער טיר,
שרייט ער צוריק אַ גוטיאָר צו מיר.
בעט איך זיך: ברודערקע, לאָז מיך אַרויס, —
זאָגט ער: לאָז מיך אַריין אין הויז.

ווייס איך דאָך אָבער וואָס ער איז אויסן,
לאָז איך אים וויטער שטיין אין דרויסן.
פֿרעגט ער מיך וועגן דעם שטיקל קעז,
וואָס איך היט עס אונטער מיין געזעס.
דערשרעק איך זיך, גיב איך אַ טאַפּ, איז עס דאָ.
איז דאָך שוין ווידער קיין זאָרג נישטאָ.

## זלאָטשאָוו, מיין היים

אָ, זלאָטשאָוו, דו, מיין היים, מיין שטאָט,
מיט דיין קלויסטערשפּיץ און שול און באָד.
און מיט דיינע זיצערקעס אַפן מאַרק,
און מיט דיינע יידלעך, וואָס רייסן זיך אָפּ,
ווי הינט אַף דעם פּויער, וואָס קומט אַראָפּ
מיט אַ קוישל אייער פון סאַסאָווער באַרג —
ווי דאָס לעבן אין פרילינג וואַכט אויף אין מיר
מיין אָרעם ביסל בענקשאַפט צו דיר, —
מיין היים, מיין זלאָטשאָוו.

נאָר אַז איך דערמאָן זיך פאַרבענקטערהייט
אָן דעם נגיד ראַפּעפּאָרט, ווי ער גייט
מיט זיין גראָבן בויך אין שול אַריין,
און אָן שאַיע הילעלס, דעם פרומאַק,
וואָס וואָלט, ווי אַ חזיר אין אַ זאַק,
פאַרקויפט אַפילו די זון מיט איר שיין —
איז דאָס גענוג, עס זאָל אויסגיין אין מיר,
אַזוי ווי אַ ליכט, מיין בענקשאַפט צו דיר, —
מיין היים, מיין זלאָטשאָוו.

ווי דערציילט זיך די מעשה פון יענעם פראַנט:
ער האָט איינמאָל פאַרנאַכט אַזוילאַנג
נאָכאַנאַנד
געזען מלאכים אַרום דער זון,
ביז סע האָט אים אַ שיכור, אַ גוי מיט האַק,
אַזאַ מין פאַרפאַר געטאָן אונטערן פראַק,
אַז ר'איז, נעבעך, שיעור ניט געשטאָרבן
דערפון —
דער גוי מיט דער האַק איז מיין שנאה אין מיר
צו מיין זיידן, און אים צוליב, אויך צו דיר,—
מיין היים, מיין זלאָטשאָוו.

דיין ערד איז אַן עדות, אַז איך טראַכט
ניט אויס.
ווען מיין זיידע האָט מיין מאַמען פון הויז
אַרויסגעשטעלט מיט דער פּאָליציי,
האָט מיין באָבע אין דער ברייט מיט די פיס,
געשמייכלט שיעור אַזוי האָניק־זיס,
ווי אַ שיקסע, וואָס שטייט צווישן זעלנער צוויי
אַז פאַרשאָלטן זאָל ווערן מיין שנאה אין מיר,
וואָס האָט מיך דערמאָנט אָן איר און אָן דיר,
מיין היים, מיין זלאָטשאָוו.

ווי אַ קופּקעלע נאַקעטע יידן אין באָד
אַרום אַ פאַרבריטן, האָט מען אין ראָד
געשאָקלט די קעפּ, און די בערד זיך געגלעט
אַרום די אַרויסגעוואָרפענע פּעק,
און שמאַטעס און בעבעכעס אין זעק,
און אַרום דעם צעבראָכענעם שטיקל בעט —
מיין מאַמע וויינט נאָך איצטער אין מיר,
ווי דעמאָלט אונטער דיין הימל אין דיר, —
מיין היים, מיין זלאָטשאָוו.

נאָך וואונדערלעך איז דאָך אונדזער וועלט.
מיט אַ פערד און וואָגן איבער אַ פעלד,
שלעפּט מען זיך אַרויס צו דער באַן,
וואָס פליט, ווי אַ שד איבער פעלדער אַוועק,
ביז זי ברענגט אַף אַ שיף מיט אַ צווישנדעק,
וואָס פירט אַריבער קיין ניו־יאָרק דאַונטאַון—
איז דאָס טאַקע די איינציקע טרייסט
כאָטש פאַר מיר,
וואָס מען וועט מיך ניט באַגראָבן אין דיר,
מיין היים, מיין זלאָטשאָוו.

MOISHE LEIB HALPERN

## MY HOME, ZLOCHEV

Zlochev, O my home, my town,
With a steeple, *shul* and bath,
Wives who sit in the market place
And little Jews who scramble like dogs
Around the peasant who's coming down
With a basket of eggs from the hill—
How life in the spring wakens in me
My poor little bit of yearning for thee—
My home, Zlochev.

But when I begin to recall
Rich Rappaport, as he goes
With his fat belly to *shul*,
And Shyeh Hillel, the pious man,
Who would sell the sun and its shine
As he would a pig in a poke—
It is enough to darken in me
Like a candle, my longing for thee—
My home, Zlochev.

How does it go, the tale of a fop:
Once, in the twilight, he looked so long
At the angels around the sun
Till a drunken *goy* with an ax
Gave him such a blow in the vest
That it almost finished him off—
The drunken *goy* is hate in me
For my grandfather and therefore thee—
My home, Zlochev.

You are my witness. It really was so.
When grandfather, helped by the police,
Put my mother out of the house,
My grandmother, on widespread feet,
Simpered almost as honey-sweet
As a peasant girl with two soldiers—
Cursed be that hatred in me
Which reminds me of her and of thee—
My home, Zlochev.

They stood in a ring, like naked Jews
Around a scalded man in the bath,
Shaking their heads, stroking beards,
At the thrown-out packs
The rags and tatters in sacks
And the broken remains of a bed—
My mother still is crying in me,
As that time, under heaven, in thee—
My home, Zlochev.

Yet the world is a wonderful thing.
With horse and wagon over a field
We dragged ourselves to a train
That flies like a demon over the land
Till it reaches a steerage that goes
To downtown New York—
This is the only solace to me:
That I won't be buried in thee—
My home, Zlochev.

—Nathan Halper

*Halpern here offers his own version of the Christian sacrament, as he elsewhere parodies Jewish ritual.*

## די מעשה מיט דער פֿליג

אויפֿן ווינטמיל פֿליגל אין אָוונטגאָלד,
זיצט אַ שד און וויינט פֿאַר פֿאַרדראָס.
פֿון הונגעריקן דאָרף איז אַנטלאָפֿן אַ פֿליג —
זשומט זי און דרייט זיך אַרום זײַן נאָז,
און לאָזט אים נישט דרימלען.

הערט דער מילנער בײַם ליידיקן ראָד
אַז מען וויינט אין דרויסן — ווייסט ער נישט ווער,
מיינט ער, אַז דאָס איז זײַן ווײַב, וואָס קומט
צו פֿרעגן פֿאַר וואָס ער זיצט ווי אַ בער,
און מאָלט נישט קיין ברויט פֿאַר די קינדער.

לאָזט ער דאָס ליידיקע מילראָד גיין,
און וואַרפֿט זיך אַליין ווי קאָרן אַרײַן.
קוקט די זון דורך אַ שפּאַרע און מיינט
אַז זי מאַכט רויט דאָס מעל מיט איר שײַן —
ווײַזט זי דעם שד דאָס ווונדער.

לויפֿט דער שד אין דאָרף אַרײַן
מיט דעם ווונדער וועגן דעם רויטן ברויט.
דערקענט אַבראַמקאַ אַז דאָס איז אַ שד
וואָס וויל די גויים פֿאַרמוטשען צום טויט,
מיט אַ מעשה וועגן אַ ווונדער.

שטופּט ער זיך פֿונעם רעדל אַפֿיר,
און ער זאָגט אַז מען איז שוין פֿון מעשות מיד,
לאַכט דער שד, און ער ווײַזט אים אָן
כלומרשט אויף אַ פֿויגל וואָס פֿליט,
און ער שנײַדט אים איבער דעם גאָרגל.

מיינען די גויים אַז דאָס איז אַ שפּאַס —
לאַכן זיי, מיט די קעפּ צו דער זון.
טוט זיי אַלעמען אָפּ דער שד

דאָס אייגענע, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן
דעם אָרעמען ייִד אַבראַמקאַ.

ליגן די גויים אין אָוונטגאָלד,
ווי רויטע שטיקער ברויט אויף דער ערד.
נעמען זיך די ראָבן צונויף,
און זיי בענטשן דעם וואָס האָט באַשערט
פֿאַר זיי אַזאַ גרויסע סעודה.

לויפֿט דער שד צו דער ווינטמיל צוריק,
און ווי אַ מאַלפּע טאַנצט ער און שפּרינגט
פֿון פֿליגל צו פֿליגל, אין אָוונטגאָלד,
און ער קרייט ווי אַ האָן, און ער פֿײַפֿט און זינגט
ווי דער נאַרישער ווינט וואָס האָרעוועט.

## The Tale of the Fly

On a windmill sail, in the golden sunset,
Sits a devil who whines with vexation,
For a fly has escaped from the starving village
And she buzzes and circles around his nose,
Never letting him sleep.

The miller hears, at his idle wheel,
Whining (but whose?) from outside somewhere;
He thinks it must be his wife, who comes
To ask why he sits there like a bear,
Not grinding bread for the children.

So he starts the idle millstones turning
And jumps between them—as if instead
Of wheat; the sun peers in and thinks
That her shining has made the flour red,
So she shows the devil this Wonder.

The devil runs into the village then
With the Miracle of the Reddened Bread,
But Abramka can tell he's a devil who wants
To torture the goyim till they're dead
With the tale of a Miracle. . . .

So he pushes his way to the front of the crowd
And says that they're bored with tales so absurd;
But the devil laughs, and pointing upward
As if at some suddenly passing bird,
He cuts Abramka's throat.

The goyim think this is a riot, and laugh
With their faces turned upward toward the sun,
And the devil proceeds to have with them
The same variety of fun
He had with poor Abramka.

The goyim lie in the golden sunset
Like red loaves of bread along the ground;
The crows say Grace to their Provider—
As they come gathering around—
For such a splendid banquet.

The devil runs back to the windmill then
And dances like a monkey, and springs
From sail to sail in the golden sunset
And crows like a cock, and whistles and sings
Like the silly wind at its labors.

*John Hollander*

► קיין מאָל שוין וועל איך נישט זאָגן

פֿאַראַנען לײַט וואָס קענען אפשר זאָגן
אַז ס׳איז נישט שיין, צו שטופּן זיך אַרום אַ וואָגן
מיט ציבעלעס, און אוגערקעס, און פֿלוימען.

נאָר אַז ס׳איז שיין אין מיטן גאַס זיך נאָכשלעפּן אַ טויטן-וואָגן —
אָנגעטאָן אין שוואַרצן, און צו דעם נאָך קלאָגן,
איז דאָך אַ זינד צו זאָגן
אַז ס׳איז נישט שיין צו שטופּן זיך אַרום אַ וואָגן
מיט ציבעלעס, און אוגערקעס, און פֿלוימען.

► *I Shall Never Go On Bragging*

There are people who maybe go on bragging
That it's not nice to crowd around a wagon
With onions, cucumbers, and plums.

But if it's nice to schlepp in streets after a death wagon,
Clad in black, and lament with eyes sagging,
It is a sin to go on bragging
That it's not nice to crowd around a wagon
With onions, cucumbers, and plums.

מע דאַרף אפשר נישט רײַסן זיך אַזוי, און שלאָגן.
מע קען דאָך רויִק שטופּן זיך אַרום אַ וואָגן
מיט ציבעלעס, און אוגערקעס, און פלוימען.
נאָר אַז סע קען די בײַטש אפילו קיינעם נישט פּאַריאָגן,
ווײַל דער טיראַן פון דעם באַשעפעניש אויף דר'ערד, דער מאָגן
וויל אַזוי — באַדאַרף מען שוין אַ רשע זײַן, צו זאָגן
אַז ס'איז נישט שיין צו שטופּן זיך אַרום אַ וואָגן
מיט ציבעלעס, און אוגערקעס, און פלוימען.

דעריבער טאַקע וועל איך קיין מאָל שוין נישט זאָגן
אַז ס'איז ניט שיין צו שטופּן זיך אַרום אַ וואָגן
מיט ציבעלעס, און אוגערקעס, און פלוימען.
ווי שטאַרק עס זאָל אַ שטופּעניש אַזאַ מיך מאַטערן און פּלאָגן,
וועל איך מײַן קאָפּ אַרונטערבייגן, און אַריבערטראָגן.
וויינען וועל איך אפשר — אָבער קיין מאָל שוין וועל איך ניט זאָגן
אַז ס'איז ניט שיין צו שטופּן זיך אַרום אַ וואָגן
מיט ציבעלעס, און אוגערקעס, און פלוימען.

Perhaps one should not be so pushy, so attacking.
One can, perhaps, crowd quietly around a wagon
With onions, cucumbers, and plums.
But if you cannot chase them even whip wagging,
Because earth's tyrant, our belly, nagging,
Wishes so—you must be evil to go on bragging
That it's not nice to crowd around a wagon
With onions, cucumbers, and plums.

That is why I'll never go on bragging
That it's not nice to crowd around a wagon
With onions, cucumbers, and plums.
May the shoving anguish me and plague me,
I'll stoop my head, and suffer like a beggar.
Perhaps I'll cry—but I will never go on bragging
That it's not nice to crowd around a wagon
With onions, cucumbers, and plums.

B. Harshav

## פֿון אַ בריוו מײַנעם

ס'איז אמת, איך בין טאַקע ווײַט פֿון דיר,
נאָר דײַנע צערטלעכקייטן אין די בריוו צו מיר
דערמאָנען אָן גאַנצע טשאַטעס מיט זומער־פֿייגל
וואָס זוכן בלומען־האָניק צווישן קראָפּיווע.

די געגנט ? — דער הימל איז אומעטום בלוי,
און איך האָב דיך אומעטום ליב מײַן פֿרוי.
נאָר די מידקייט מײַנע פֿאַרוואָלקנט דײַן שיינקייט,
ווי דער רויך פֿון דער באַן דעם בלויען הימל.

ווען אַ פֿרעמדער וועט איבערלייענען דאָס ליד,
וועט ער טראַכטן: איז דאָס אַ מאָדנער ייִד: —
פֿאַרגלײַכט זײַן פֿרוי צו הימל און זומער־פֿייגל,
און זיך צו רויך און קראָפּיווע.

דער גוטער פֿרעמדער (איך זאָג עס אים אויס),
איך שטעל אים אַ פֿײַג מיט אַ צונג אַרויס,
ער זאָל דיר, מײַן ליבע פֿרוי, פֿון דער ווײַטנס
קיין גוט אויג נישט קענען געבן.

דו אָבער פֿון דעסט וועגן היט זיך אָפּ,
און לאָז זיך פֿון מיר נישט פֿאַרדרייען דעם קאָפּ
מיט בלויען הימל און זומער־פֿייגל
צווישן די ניו־יאָרקער גאַסנבאַנען.

ס'עט נישט נעמען מער לאַנג. איך קום די טעג
עס פֿײַפֿט שוין מײַן באַן אויף דעם באַרגיקן וועג
אַרום סינסינעטי, וואָס ליגט טיף אונטן
און זעט אויס אַזוי ווי אַ ריזיקער שפּײַ־טאָפּ.

איך לאַך אַליין. מיר געפֿעלט דער פֿאַרגלײַך,
ס'זאָל זיך נאָר נישט אויסלאָזן אַ טײַך
פֿון מײַן ביסל פֿריילעכקייט, נעבעך,
דו ווייסט דאָך אַז איך בין אַ שלימזל.

דערווײַל פֿעלט מיר גאָרנישט וווּהין איך קום,
אַ חוץ דײַן קאָפּ, וואָס איך נעם אַרום,
ווען איך וויל זיך רייצן מיט דײַנע ליפּלעך,
וואָס בענקען נאָך מײַנע ליפּן.

באַלד, באַלד ווי געזאָגט; איך בין צו דיר
מיט אַ טויזנט מײַל שוין נענטער ווי פֿרי'ר,
גריס מיר ניו־יאָרק, — אַ פּאַסקודנע שטעטל
אָבער פֿאָרט אַ ווילס, אַז מען האָט דאָרט וועמען.

## From One of My Letters

Verily, I am far away from you . . .
But in your letters, gentle things you do
Recall whole companies of summer birds
Seeking flower-honey in among nettles.

This part of the country? The sky, blue everywhere,
And I love you everywhere, my wife; but care
And weariness in me becloud your beauty
Like the smoke of the train on the blue sky.

A stranger who might read these verses through
Would probably think: What a peculiar Jew—
Likens his wife to sky and summer birds
And himself to smoke and nettles.

I say this loud and clear: to this good stranger
I stick my tongue out, and I give the finger
So that he won't, O my beloved wife,
Give you the eye from such a distance.

But watch yourself in any case; don't be
The one to let your head get turned by me
With blue sky and summer birds
Among the New York trolley cars.

It won't be long now, and I'll soon be back.
My train whistles on the hilly stretch of track
Near Cincinnati, that lies deep below
Poised like some perilous spittoon.

I laugh myself: I like the simile,
And only hope my little pleasantry
Won't end up, somehow, with egg on its face.
You know precisely the kind of jerk I am.

Meanwhile, wherever I go, there's not one thing
I lack, except your head, to which I cling
When I want to tantalize your little mouth
That longs for mine.

Soon, soon, as I told you. Now I am more
Than a thousand miles nearer you than before.
Give my best to New York—a lousy town
But not too bad, if you have someone there.

*John Hollander*

# די מעשׂה מיט דער וועלט

— איך באַפֿעל מען זאָל איינגעמען די וועלט,
האָט דער קיניק געזאָגט.
איז דאָס לאַנד געוואָר געוואָרן דערפֿון,
האָט די מאַמע איר לעבעדיקן זון
ווי אַ מת'ן טויטן באַקלאָגט.
אָבער דאָס אַקעראייזן אין פֿעלד,
און די זויל אונטער'ן שוסטער'ס האַמער,
און די מויז אין קאַמער
האָבן שטילערהייט געלאַכט
ווען מען האָט זיי די בשׂורה געבראַכט —
די דאָזיקע פֿינסטערע בשׂורה.

איצט האָט מען שוין איינגענומען די וועלט.
וואָס זאָל מען טאָן מיט איר?
זי קאָן נישט אַריין אין דעם קיניק'ס שלאָס.
מע האָט פֿאַרגעסן צו נעמען אַ מאָס
פֿון דער וועלט — ווען מע האָט געמאַכט די טיר.
אָבער דאָס אַקעראייזן אין פֿעלד,
און די זויל אונטער'ן שוסטער'ס האַמער,
און די מויז אין קאַמער,
קייקלען זיך פֿאַר געלעכטער שוין.
סע ציטערט אַזש בײַ דעם קיניק די קרוין
פֿון זייער פֿאַרשיים געלעכטער.

די הויפֿלייט מיינען, די וועלט זאָל דערווייל
אַ באַוואַכטע אין דרויסן שטיין.
נאָר דער קיניק איז ווי דער טויט אַזוי בלאַס.
ער האָט מורא די וועלט קאָן נאָך ווערן נאַס
ווען סע וועט אַ רעגן גיין.
אָבער דאָס אַקעראייזן אין פֿעלד,
און די זויל אונטער'ן שוסטער'ס האַמער,
און די מויז אין קאַמער,
לאַכן אַזוי, אַז סע איז שוין אַ שרעק.
זיי שטאַרבן שיִער פֿאַר געלעכטער אַוועק,
וואָס די וועלט שטייט נאָך אַלץ אין דרויסן.

# THE TALE OF THE WORLD

I ordain the conquering of the world
—So the great king said,
And all the people were duly informed,
And all the mothers truly mourned
Their living sons as though dead.
But the plow in the field,
And the cobbler's leather sole,
And the mouse in his hole,
Laughed without sound
When the news was brought round,
The bad, black news.

Now the world has been conquered at last.
What's to be done with the thing?
The Royal Palace is far too small
—They forgot to measure the world at all
When designing the opening.
But the plow in the field,
And the cobbler's leather sole,
And the mouse in his hole,
Laughed till they cried,
Laughed so hard in their pride
That the king's crown was shaken.

The courtiers, meanwhile, hold that the world
Should be kept out there under guard.
But the king has turned a deathly gray,
Fearing the world will get wet some day
When the rain falls hard.
But the plow in the field,
And the cobbler's leather sole,
And the mouse in his hole,
Laugh till they cry,
Laugh till they nearly die.
The world's still there, outside.

# דער מענטש ז ער אַף

דער מענטש, דער אַף, האָט צום ערשטן מאָל
דערזען דעם העלפֿאַנט אין דער נאַכט;
האָט זיך אין דער פֿינסטער אים אויסגעדאַכט,
אַז דער העלפֿאַנט גייט אָנגעטאָן אין הויזן.
האָט ער וועגן דעם אַזוי לאַנג געטראַכט,
ביז ער האָט פֿון פֿייגנבלעטער פֿאַר זיך
אויפֿגענייט הויזן, אַ העמד און שיך,
און אַן אונטערהעמד און אַן אויבערקיטל,
און אַ הוטל און אַ יאַרמולקע אונטערן היטל.
דער מענטש — דער אַף.

נאָר דאָס איז נאָך גאָרנישט, — צום ערשטן מאָל
דערזען די לבֿנה אין דער הויך,
האָט ער צוגעהאַלטן דאָס ווײַב פֿאַר'ן בויך
און איר אָפּגעסמאַליעט די האָר פֿון פּנים.
און דערנאָך — כּדי זי זאָל בלישטשען אויך —
האָט ער קאַלך צעפּירט, און זי באַשמירט,
און מיט גאָלד — וויפֿיל ר'האָט געהאַט — באַצירט.
און אַז ז'האָט נאָך דעמאָלט אויך נישט געבלישטשעט,
האָט ער, געריטשעט און געפּישטשעט
דער מענטש — דער אַף.

# MAN, THAT APE

Man, that ape, the first time in his life
He sees an elephant at night,
In all that darkness, the elephant's
Wearing, it seems, a pair of pants.
He broods about this for a while,
Then from some fig leaves, constructs a pair
Of pants, a pull-over, and underwear,
A shirt and shoes and then a hat,
And a skullcap for wearing under that.
Man, that ape.

That's nothing—the first time in his life
He sees the risen moon on high,
He locks his wife in an embrace
To singe the hair from off her face;
And after that, to make her gleam,
First he smears on a chalky cream,
Then sticks on all the gold he's got.
She doesn't emanate one beam.
He howls and bays and starts to scream.
Man, that ape.

That's nothing—the first time in his life
He sees the sun ascending where

נאָר דאָס איז נאָך גאָרנישט, — צום ערשטן מאָל
דערזען די זון, ווי זי גייט אויף
צווישן באַרג און הימל, וואָס קומט זיך צענויף,
האָט ער — מיט די פויסטן אַרויף — געשוואוירן
אַז ער מוז אויך אַהין אַרויף.
און זינט דעמאָלט לויפט ער, און האָט נישט קיין צייט,
פון מזרח־זייט צו מערבֿ־זייט —
און די זון גייט אויף און די זון גייט אונטער,
און ער קריכט אייביק אַרויף און אַרונטער,
דער מענטש, דער, אַף.

The mountaintop and heaven meet,
He raises his right fist to swear
That he will follow it up there;
Since when, too short of time, he's run
From east to west, just like the sun.
The sun comes up, the sun descends:
He climbs, and falls—it never ends.
Man, that ape.

## דער צער פֿון דער וועלט

נישט ווייט כּוז מיין הויז הויבט זיך אָן די שטאָט,
זיצט דאָרט און וויינט אַן אַלטער גאָט
אין דרויסן אויף אַ שטיין אין דער נאַכט,
ווייל מ'האָט פאַר אים אַלע טירן פאַרמאַכט.

נאָענט פון מיין הויז צווישן נאַכט און רויך
לאַכן די וועכטער אַזוי ווילד און הויך,
אַזוי ווי זיי וואָלטן מיט אייזן אויף גאָלד
דעם איינענעם פּחד פאַרטריבן געוואָלט.

נישט ווייט פון מיין הויז אין אַ שטאָל אויף דער ערד
זיצן דריי זקנים מיט גרייז גראָע בערד
און מיט קרוינען פון ליכט אויף קאָפּ און האַנט, —
דריי הייליקע פונ'ם מאָרגנלאַנד.

אָבער דאָס ווייב אויפ'ן האַרטן שטרוי,
וואָס איז נאַקעט און אַלט ווי זיי, און גרוי,
קרעכצט ווי אַ דאַרער בוים אין ווינט
און ווינגט זיך אַליין ווי מען וויגט אַ קינד.

און איבער אונז אַלע דער צער פון דער וועלט.
דורך אַלע פענסטער וויינט ער און שעלט
דעם שטערן אויף וועמען מען האָט געוואַרט
און וואָס האָט מיט זיין ליכט ווידער אָפּגענאַרט.

## PAIN OF THE WORLD

The city begins not far from my house.
On a stone, outside in the night,
An old god sits and weeps
For all the doors have been closed to him.

Near to my house, between night and smoke,
The watchmen laugh so loud and wild—
As if, by hitting iron on gold,
They would still their own fright.

In a stable, not far from my house,
Sit three ancients with hoary beard
And crowns of light on head and hands,
Holy men from eastern lands.

And, on hard straw, the wife,
Also naked, old and gray,
Moans, a thin tree in the wind,
And rocks herself as you rock a child.

Over us—the pain of the world.
It cries through the windows and curses
The star which had been awaited
And, with light, deceived us once more.

## די לעצטע

אָוונט־זון.
און אַלע פליגן אין די פענצטער־ווינקלען,
אין דער אָוונט־קעלט פאַרגליווערטע,
און אפשר טויטע שוין,
און אויפן ראַנד פון וואַסער־גלאָז — די לעצטע
איינע אין דער גאַנצער שטוב אַליין —
זאָג איך: זינג מיר עפּעס פון דיין ווייטן היימלאַנד,
ליבע פליג.
הער איך, ווי זי וויינט און ענטפערט מיר:
אַז אָפּדאַרן זאָל איר דאָס רעכטע פיסל,
אויב זי וועט אָנרירן אַ סטרונע
ביי די פרעמדע וואַסערן
און אויב זי וועט פאַרגעסן
אָן דעם ליבן מיסטהויפן
וואָס איז געווען אַמאָל איר היימלאַנד — — —

## THE LAST

Evening sun.
And, in evening cold, all the flies
In the corners of the panes are numb,
If not already dead.
On the rim of a water glass, the last
Is alone in the whole house.
I speak:
"Dear fly,
Sing something of your far-off land."
I hear her weep— She answers:
May her right leg wither
If she plucks a harp
By strange waters,
Or forgets the dear dung heap
That had once been her homeland.

*Nathan Halper*

# מײַן צוואה

האב איך אזוי מיר אפגעטון.
ווי נאר עס איז אויפגעגאנגען די זון
ביז איך אוועק און צענויפגעקליבן
קאזע־באבקעס אין דעם ליד אריין ,
וואס איך האב ערשט נעכטן אנגעשריבן
פון דער לבנה מיט איר שיין,
און צו דעם האב איך נאך צוגעגעבן
עטליכע לידער — פון טיש דאנעבן,
וועגן דער הייליקייט פון דער ביבל
וואס ווען איך טראכט פון דעם, ווערט מיר איבל.
און דאס אלצדינג האב איך ווי אין א זאק
איינגעפאקט אין מיין אלטן פראק,
דערנאך ארויגעשלאגן א טשוועקל
אין דרויסן באם פענסטער, און דאס גאנצע פעקל
אויף דער קאטשערע ארויסגעהאנגען
זיינען מענשן און קינדער פארבייגעגאנגען
און האבן געפרעגט בא מיר, וואס דאס איז, —
האב איך זיך פארנויגט ביז צו זייערע פיס
און געענטפערט, אז דאס זיינען מיינע יארן,
וואס זיינען אזוי פארשימלט געווארן
צוגישן דעם אלטן חכמה־געשטאנק
פון מיין ווּאונדערלאכן ביכער־שראנק.
ווען אבער מיין איינציקער זון, וואס גייט

(מיט מיין ים פול טרויער און מיין פינגערהוט פרייד)
אין פערטן יאר אריין, האט אויך
פאריסן זיין קעפל צו דער הויך,
האב איך אים גענומען אויף מיין שויס
און געזאגט צו אים אזוי : הער אויס,
מיין יורש, איך זאג דיר צו,
אז פונקט ווי מע שטערט נישט א טויטן די רו
וועל איך — ווען דו וועסט דערוואקסן ווערן —
דיר קיינמאל אין קיין זאך נים שטערן.
ווילסט זיין א בייגלכאפער, א שינדער
זיי דיר, קינד מיינס.
ווילסט זיין א מערדער, אן אונטערצינדער,
זיי דיר, קינד מיינס.
ווילסט בייטן — מיידלאך
אזוי ווי זיי אליין די קליידלאך.
בייט דיר, קינד מיינס.
איין זאך, אבער, קינד מיינס, זאג איך דיר אן :
אויב דו וועסט — פאר מענשן זיך צו גרויסן —
דערגיין אזוי וויט, זיך אנצוטאן
אין אט־אזוינס, וואס הייננט דא אין דרויסן
און וועסט נאך צו דעם — די שעה זאל נישט זיין —
אויך שרייבן א ליד פון לבנה־שיין,
אדער גאר פון דער ביבל, דעם סם פון דער וועלט, —
דעמאלט מיין ליבער
אויב איך וועל נאר האבן עפעס געלט,
מעג עס זיין אפילו ווי ווייניק
שרייב איך אן א צואה, און לאז דאס איבער
פאר מיין לאנדסמאן, דעם קומענדיק־פוילישן קעניג
און א חוץ, וואס מיר ביידע זאגן זיך מער נישט — דו —
צעשנייד איך, אזוי ווי א קארגער צעשניידט
לעקאך פאר חתונה־ארימעלייט,
אלץ וואס בינד צו דיר מיך צו —
און טאטע־שמאטע און זון־שמון.
און זא העלף מיר דער הערגאט
ווי —
איך —
וועל —
דאס —
טון —



THE WILL

So this is how I did myself in:
No sooner did the sun begin
To shine, than I was up and away,
Gathering goat shit for my tune
—The one I wrote just yesterday
About the moonlight and the moon—
And then I put with these also
Some poems from my portfolio
In re the Bible's sanctity
(Just thinking of them sickens me)
And these I wrapped up in my rag
Of an old coat, packed up like a bag,
After which, I took the whole shebang,
Put up a nail, and let it hang
Outside my window, on a tray.
Adults and children passed my way
And asked what that mess up there could be,
So I answered them, on bended knee:
These are all my years; I think
They went all rotten with infection
By wisdom, and its ancient stink,
From my precious book collection.
But when my son, the little boy,
(In my sea of sorrow and cup of joy
He's just turned four) strained his eyes to see
Those summits of sublimity,
Well—I put him on my knee
And spake thus: Harken thou to me,
My son and heir, I swear that, just
As none disturb the dead in their rest,
So, when you have finally grown,
I'll leave you thoroughly alone.
Want to be a loan shark, a bagel-lifter?
Be one, my child.
Want to murder, set fires, or be a grifter?
Be one, my child.
Want to change off girls with the speed that those
Same girls keep changing their own clothes?
Change away, my child.
But one thing, child, I have to say:
If once ambition leads you to try
To make some kind of big display
Of yourself with what's hanging up there in the sky;
If you dare (but may that time not come soon!)
To write about moonlight and the moon,
Or some poem of the Bible, poisoning the world,
Then, my dear,
If I'm worth something then by way of any
Money, so much as a single penny,
I'll make my will, leaving everything
To my *landsman*, the future Polish King.
Though we've both stopped calling each other "thou
I'll chop up, like a miser shredding
Cake for beggars at a wedding,
All the ties that bind us now:
Poppa-chopper Son-schmon
And so help me God in Heaven
This
Will
Be
Done.

*John Hollander*

# from: Zarkhi on the Sea Shore

## ➤ זרחי צו זיך אַליין

אָ, זרחי, זרחי, דו קענסט נישט מאַכן,
עס זאָל זיך אויפבויען אַ בריק
איבערן ים אַהין און צוריק,
און דײַן בענקשאַפט שטייט דאָך אויף יענער זײַט
מיט רויט-אויפגעהויבענע לאַפּעס, און שרײַט,
ווי אַ דאָרפס-מויד, וואָס דאַרף שוין אַ מאַנסביל האָבן
אַ מאַנסביל האָבן,
אַ מאַנסביל האָבן.

און אומזיסט, וואָס דו קוקסט אויף די שיפן, זרחי,
דו שלאָגסט זיך בלויז אין דײַן קאָפּ ארײַן
טשוועקעס — מיט דעם וואָס דו רעדסט זיך אײַן.
זיי פירן בלויז אַלע אַזוינע לײַט,
וואָס האַבן גאָלד און וואָס האָבן צײַט
צו עסן איין מאָל און נאָך אַ מאָל עסן. —
און נאָך אַ מאָל עסן,
און נאָך אַ מאָל עסן.

וואָלסטו אפשר געקענט בײַ דײַן חלום פועלן,
אַז ער זאָל מאַכן אַ וואָלקן פון דיר.
נאָר וואָס טויג — אַז איידער מען גיט זיך אַ ריר,
טראָגט זיך אָן יעמאַכשמאָי פון דער ווײַט,
דער ווינט מיט אַ מעסער אַזאַ, וואָס צעשנײַדט
דעם שווערסטן וואָלקן, ווי קרויט אַ קעפּל,
ווי קרויט אַ קעפּל.
ווי קרויט אַ קעפּל.

און ווײַזן די צונג העלפט אויך נישט, זרחי,
אַזוינס קאָן דאָך באַווײַזן אויך
אפילו אַ טויטער, וואָס הענגט אין דער הויך,
אָדער גאָר אַ קינד, ווען עס לויפט נאָך פאַרשײַט
אַרום ערגעץ אין אַ העמדל פון זײַד.
אָבער דו ביסט, דאָך, זרחי, דאַכט זיך, אַ חכם, —
דאַכט זיך אַ חכם,
דאַכט זיך אַ חכם.

## ➤ *Zarkhi to Himself*

Oh, Zarkhi, Zarkhi, you cannot cause
A bridge to be built straight across
Over the sea, to go there and back—
And your longing stands on the other side
With red-raised paws, and calls and cries
Like a village broad who needs a man—
Needs a man,
Needs a man.

Oh, Zarkhi, you are watching the ships in vain,
You are merely hitting nails in your head
When you believe whatever you thought and said.
Ships bring only such people, behold,
Who have time and who have gold
To eat once and eat again—
And eat again,
And eat again.

Perhaps you could convince your dream
To turn you into a floating cloud.
But what's the use, if before you move out
Appears—devil-take-him—from afar
The wind with a knife, and cuts in small parts
The heaviest cloud like a head of cabbage—
Like a head of cabbage,
Like a head of cabbage.

And showing your tongue won't help either, Zarkhi,
This could be done even by a yellow
Corpse, hanging on the gallows,
Or a child, his lips white with milk,
Running around in a coat of silk.
But you, Zarkhi, seem to be wise—
Seem to be wise,
Seem to be wise.

## ➤ זרחי מיט דער ליולקע אין דרויסן וויינט

זרחי מיט דער ליולקע אין דרויסן וויינט.
ער האָט ליב די אָוונטזון אויף גראָז.
און די אָוונטזון דווקא שײַנט און ברענט
ווי אויף רויען פלייש אויף די פיס מיט די הענט
פון דער מויד וואָס קעמט זיך אין דרויסן.

זרחי מיט דער ליולקע אין דרויסן וויינט.
ער האָט ליב פאַרקלערטקייט אין אָוונטשײַן
און זײַן שכן זעט ווי אַ קצב-יונג אויס
און דווקא נאַקעט אויך, קומט ער אַרויס
צו דער מויד וואָס קעמט זיך אין דרויסן.

זרחי מיט דער ליולקע אין דרויסן וויינט.
ער האָט ליב דער ווינט זאָל זינגען אין בוים
נאָר דער ווינט האָט פײַנט דעם בוים וואָס איז טויט
און ער זינגט אין די געפאַרבטע האָר פון דער מויד
וואָס זיצט און קעמט זיך אין דרויסן.

זרחי מיט דער ליולקע אין דרויסן וויינט,
ער האָט ליב וואָס ער זעט שוין די נאַכט וואָס קומט
זי וועט נעמען די מויד אין אַ שטוב אַרײַן
און וועט שענקען אַ ביסל לבנה-שײַן
דעם טויטן בוים אין דרויסן.

## ➤ *Zarkhi, His Pipe to the Yard, Cries*

Zarkhi, his pipe to the yard, cries.
He likes the evening sun on grass.
But the evening sun shines and burns
As on raw meat, on the legs and arms
Of the broad, combing her hair in the yard.

Zarkhi, his pipe to the yard, cries.
He likes to be pensive in evening shine.
But his neighbor looks like a butcher-boy
And he walks out, naked and fresh
To the broad, combing her hair in the yard.

Zarkhi, his pipe to the yard, cries.
He likes the wind to sing in the tree.
But the wind hates the tree that is dead
And sings in the painted hair of the broad
Who combs her hair in the yard.

Zarkhi, his pipe to the yard, cries.
He'd like to see the night come in:
It will take the broad and lead her inside,
And it will grant some moonshine light
To the dead tree in the yard.

► זרחי זאָגט תּורה

אָמר רב זרחי — זאָגט רב זרחי:
אין ספר ברחנדי
צונויפגעשטעלט פון די גרעסטע חכמים
אין קאַפּיטל זיבן
דערציילט זיך אַ מעשה פון אַ רוצח,
וואָס האָט איין מאָל אַזוי ווי אַ וואָלף אין דער פינצטער
געוויינט אין מיטן דער נאַכט.
געגאַנגען אויף רויב
און באַפאַלן אַן אישה אין שלאָף
און קוילען געוואָלט אויך דאָס קינד בײַ דער ברוסט;
האָט עס אויסגעשטרעקט די הענטלעך צו אים
און דאָס מעסער, וואָס האָט נאָך געטריפט פון בלוט,
בײַ אים צוגענומען
און געשפּילט זיך מיט דעם
ביז די פלעקן פונעם בלוט אויפן העמדל
האָבן אויסגעזען ווי בלומען אין מאָרגנליכט
בײַם שײַן פון דעם פאַקל
וואָס האָט אים געלויכטן צו קוילען.
**שברולים לדררחי פרומה** — באַהאַלטענע ליכטיקייט אין דער פינצטער.
די קלאָג פון רוצח.
און אפשר — ווער ווייסט?
אפשר מיינט דאָס גאָר-גאָר עפּעס אַנדערש חלילה,
און דײַן צונג וועט זיך בראָטן אין גיהנום,
ווײַל זי האָט נישט אויסגעטײַטשט פּונקט ווי מען דאַרף?

אמר רב זרחי — זאָגט רב זרחי:
אין ספר ברחנדי
צונויפגעשטעלט פון די גרעסטע חכמים
**אין קאַפּיטל זיבן**
דערציילט זיך א מעשה פון א צדיק.
געגאַנגען פאַרבײַ אַ קלויסטער בײַ נאַכט
האָט מען גליִענדיק זשאַר פון די פענצטער געוואָרפן,
האָט זיך אָנגעצונדן די באָרד מיטן בגד
אַזוי ווי אַ פאַקל (אויף אים).
האָט דער צדיק אויפגעהויבן די אויגן צום הימל
און שטאַרבנדיק האָט ער אַזוי געזאָגט:
— פאַר בלינדע נאַראָנים זײַנען די שטערן מזלות,
פאַר רשעים זײַנען זיי גאָרנישט;
אין דער אמתן אָבער זײַנען זיי
גאָטס ליכטיקייט אפשר,
וואָס ווײַזט זיך אונדז בלויז דורך זײַן הימל —
דעם אַלטן צעלעכערטן שירעם פון איבער דער וועלט,
און ס'איז מער נישט — אַ חסד אַ גרויסער
אויף ועמען זײַן ליכטיקייט לאָזט זיך אַראָפּ, ווי אַ פײַער,
און נעמט אים צו זיך.
**שברולים לדררחי פרומה** — באַהאַלטענע ליכטיקייט אין דער פינצטער.
די לעצטע תּפילה פון צדיק.
און אפשר — ווער ווייסט?
אפשר מיינט דאָס גאָר-גאָר עפּעס אַנדערש חלילה,
און די צונג וועט זיך בראָטן אין גיהנום,
ווײַל זי האָט נישט אויסגעטײַטשט פּונקט ווי מען דאַרף?

► *From Zarkhi's Teachings*

*Omar Rabbi Zarkhi*—so said Rabbi Zarkhi:
In the Book of Barhandi
Compiled by the greatest sages,
In chapter seven,
A story is told of a murderer
Who once, like a wolf in the darkness,
Wept in the depth of the night.
He went out on a robbery,
Attacked a woman in her sleep
And was about to kill the baby at her breast—
When it stretched out two little hands,
Grabbed the knife, still dripping blood,
And played with it
Till the stains of blood on his shirt
Looked like flowers at dawn—
In the glow of the torch
That lighted for murder.
*Shavrulim ledarrkhi peruma*—Light hidden in darkness,
The lament of a murderer.
Or maybe—who knows?
Maybe it means something altogether different
And the tongue will roast in hell
For not interpreting it right?

*Omar Rabbi Zarkhi*—so said Rabbi Zarkhi:
In the Book of Barhandi
Compiled by the greatest sages,
In chapter seven,
A story is told of a saint.
Once, as he passed by a church at night,
Glowing embers were thrown from the windows,
And his beard and his coat caught fire
Like a torch (on his body).
Then the saint raised his eyes to the sky
And dying, he said:
—For blind fools the stars are signs,
For evil men they are nothing;
But in truth they are
God's light maybe,
Showing through His sky—
Tiny holes in the old umbrella over the world,
And it is nothing but a grace
To one on whose head the light falls in a flame
And takes him away.
*Shavrulim ledarrkhi peruma*—Light hidden in darkness,
The last prayer of a saint.
Or maybe—who knows?
Maybe it means something altogether different
And the tongue will roast in hell
For not interpreting it right?

**Omar Rabbi Zarkhi** (So said Rabbi Zarkhi.)—a typical opening of a saying by a sage, rendered in the traditional form of Jewish teaching: a word or phrase from the Hebrew sacred text is followed immediately by a Yiddish literal translation. The reading of such a bilingual passage is then followed by explanation and analysis of existing commentaries. Halpern uses this Jewish form with a stance from Eastern philosophy (e.g., the open-ended interpretations and the quasi-Persian name, **Barhandi**).

**Shavrulim ledarrkhi pruma**—a mock-Aramaic, pseudo-Talmudic text in need of explication. The syntax reads: "The **shavruls** are **prumed** for Zarkhi" (the words in boldface have no meaning). With a slight change, it would mean: Zarkhi's sleeves are slit. Also, **Proma'a** in Aramaic is burglar.

Title supplied here.

This secular poem employs surprisingly biblical images: the Burning Bush (stanza II), Moses barred from entering the Promised Land (stanza III), and Samson (stanza IV).

## ➤ וואָס ווייסן מיר, ליבע ברידער

גומילאַסטיקס דרײַ אויף אַ פענדל פון בלעך
און מיט די ברילן צום ים אַרויס.
זרחי וויינט אפשר זײַן בענקשאַפט אויס —
וואָס ווייסן מיר ליבע ברידער.

און ס׳איז אפשר גאָרנישט זרחי וואָס וויינט
נאָר אַ בוים וואָס ברענט און ווערט נישט פאַרברענט
און וואָס וויינט מיט די צווײַגן אַזוי ווי מיט הענט —
וואָס ווייסן מיר ליבע ברידער.

און ס׳איז אפשר אויך נישט קיין בוים וואָס וויינט
נאָר די שטומע קלאָג פון אַן אויג מיט אַ האַנט
פון איינעם וואָס שטאַרבט בײַ דער שוועל פון זײַן לאַנד —
וואָס ווייסן מיר ליבע ברידער.

און אפשר איז עס נישט איינער וואָס שטאַרבט
נאָר אַ בלינדער ריז פון פאַר טויזנט יאָר
באַוויינט זײַנע אָפּגעשוירענע האָר —
וואָס ווייסן מיר ליבע ברידער.

און ס׳איז אפשר אויך נישט קיין ריז וואָס וויינט
נאָר דאָס פשוטע נאַרישע אינסטרומענט
וואָס וויינט אונטער זרחיס אַלטע הענט —
וואָס ווייסן מיר ליבע ברידער.

## ➤ *What Do We Know, Dear Brothers*

Three rubberbands on a thin tin pot
And a pair of glasses looking out to sea.
Maybe it's Zarkhi's longing that weeps—
What do we know dear brothers.

And maybe it is not Zarkhi that weeps
But a tree that burns and isn't consumed,
Weeping with branches as if they were arms—
What do we know dear brothers.

And maybe it is not a tree that weeps
But the silent lament of an eye and a hand
Of a man dying at the threshold of his land—
What do we know dear brothers.

And maybe it is not a man that dies
But a blind giant a thousand years ago
Weeping over his shorn hair—
What do we know dear brothers.

And maybe it is not a giant that weeps
But the simple silly instrument
Weeping under Zarkhi's aging hand—
What do we know dear brothers.

## ➤ פרעג איך בײַ מײַן ליבער פרוי

פרעג איך בײַ מײַן ליבער פרוי,
ווי אַזוי צו פאַרענדיקן דעם ראָמאַן,
אין מײַן ביכעלע —
זאָגט זי: דאָס גליק זאָל אַוועק מיט דער באַן,
און צוריקווינקען מיט אַ טיכעלע.
זאָג איך: טיכעלע-שמיכעלע —
זאָגט זי: ביכעלע-שמיכעלע —
און פרעגט מיך, צי וויל איך נישט בעסער
קאַווע מיט אַ קיכעלע.
זאָג איך: קיכעלע-שמיכעלע —
און הייס מיר אויפציִען אויף מײַן קישן
אַ ציכעלע.
זאָגט זי: ציכעלע-שמיכעלע.
און הייסט מיר ארײַנטראָגן צום שוסטער
איר שיכעלע.
זאָג איך: שיכעלע-שמיכעלע.
ווערט זי ברוגז, און ווײַזט מיר
אַז כ׳האָב שוין אַ פליכעלע —
זאָג איך:
פליכעלע-שיכעלע-ציכעלע-קיכעלע-טיכעלע-ביכעלע-שמיכעלע.
קען זי נישט זאָגן אַזוי גיך ווי איך, אַזוי גיך ווי איך,
פליכעלע-שיכעלע-ציכעלע-קיכעלע-טיכעלע-ביכעלע-שמיכעלע.
האָבן מיר אינאיינעם געלאַכט —
אינאיינעם געלאַכט.
ביז זי האָט מיר די אויגן פאַרמאַכט —
די אויגן פאַרמאַכט.
און מיך אײַנגעוויגט מיט דעם ליד פונעם רעגן,
מיט דעם ליד פונעם רעגן,
וואָס מען זינגט פון קליינע קינדערס וועגן.

## ➤ *The End of the Book*

So I ask my dear wife
How to finish the affair
Of my little booky—
Says she: Let happiness leave on a train
And wave back with a hanky.
Says I: Hanky-panky—
Says she: Booky-shmooky—
And asks me whether I'd like
With my coffee a cooky.
Says I: Cooky-shmooky—
And tell her to put a case on my pillow
And not to play hooky.
Says she: Hooky-shmooky.
And tells me to repair her shoe
By hook or by crooky.
Says I: Crooky-shmooky.
So she jumps up, and points at my head:
I am bald and spooky.
Says I:
Spooky-crooky-hooky-cooky-hanky-panky-booky-shmooky.
But she cannot say it as fast as I can, as fast as I can:
Spooky-crooky-hooky-cooky-hanky-panky-booky-shmooky.
So we laugh together—
Laugh so nice.
Till she closes my eyes—
Closes my eyes.
And rocks me with a song of rain and light,
Rain and light,
That you sing to little children at night,
Children at night.

Benjamin Harshav

III. From: Posthumous Poems (1934)

## דאָס ליד פון סוף־זונטיק

לעבן די טרעפּ אויפן ערשטן גאָרן,
אין טונקל־פינצטערן קאָרידאָר
וויינט אַ מויד און מיט איר אינאיינעם
אַ קויטיקע האַנט אויף צעשויבערטע האָר,
— דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן.

די האָר — אַ דופט פון פאַרב, וואָס איז ביליק,
די האַנט איז, ווי לעדער שטייף און האַרט.
צוויי גלייכע שותפים, וואָס האָבן אפשר
אויף קיין בעסערס קיינמאָל נישט געוואַרט.
— דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן.

נאָר מאָדנע איז עס, ווען מען הערט צוויי מענטשן
שווייגנדיק אין דער פינצטער שטיין,
וואָס זאָגט נישט עפּעס „סעמי“ אַליין?
וואָס זאָגט נישט עפּעס „בעסי“ אַליין?
— דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן.

נאָר אפשר רעדן זיי און מען הערט נישט
צוליב דעם פאַרשטיקטן שטומען געשריי
פון די זיבן מאָל זיבעצן אייזערנע באַלקנס
אויף די פינצטערע סטעליעס איבער זיי?
— דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן.

סטעליעס אויף סטעליעס און בעטן אויף בעטן
און די לופט איז פּאַרע און קוילן־רויך,
און פון אויבערשטן גאָרן אַרונטער — אַן אָפּגרונט,
אַרויף־צו — אַ פעלד ביז וואָלקנס הויך.
— דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן.

אַ גרויסשטאָט ביינאַכט, סאַראַ ווילדע פרעמדקייט
עס נעמט אַרום אין דער פינצטער אין דיר.
ווייב מיט מאַן מיליאָנענווייז שלאָפן
ווי שיכורים אָנגעפּויעשטע מיט ביר.
— דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן.

קינדער שלאָפן, ווי מאַלפּעס אויף ביימער,
אויף גאַניקעס אונטער פייער־טרעפּ,
און די לבנה — דער קוימענקערער
טרייסלט סאַזשע איבער די קעפּ.
— דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן.

און „בעסי דהי גוירל“ ווייסט פון גאָרנישט.
און „סעמי“ אויך מיט אַן אָפן מויל.
און דער מאַנטיק, וואָס קומט צושווימען פאַר די אויגן,
ווי אַ מדבר אויף מיילן פוסט און הויל.
— דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן.

און אפילו בעסי׳ס מאַמע די אַלטע,
זי פרעגט שוין נישט מער — „וואו איז די מויד?“
און עס אַרט זי נישט וואָס די האָר די שוואַרצע
זיינען געוואָרן בלאָנד און רויט.
— דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן.

נאָר זאָל מען נישט מיינען, אַז דאָס איז אַ קראַנקער
אָט־דער וואָס טראַכט ווענן דעם אין דער נאַכט. —
אַ מידער בלויז פון זיין אייגענעם אומעט
ליגט ער און רייכערט זיין ליולקע און טראַכט. —
— דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן.

1924

## SONG: WEEKEND'S OVER

There in the shadowy, dank hall
Right alongside the ground-floor stair—
A weeping girl, attended by
A grimy hand in the mussed-up hair.
——A little love in big Manhattan.

The hair—a whiff of some cheap rinse
The hand—hard, stiff and leathery
Two equal lovers, for whom this is
As good as it'll ever be.
——A little love in big Manhattan.

It's strange to listen to two people
Standing there in the dark, unheard;
Why doesn't Sammy say a word?
Why doesn't Bessie say a word?
——A little love in big Manhattan.

They may be talking, but it's all
Blanketed by the howl, instead,
From a million iron fire escapes
And all the dark ceilings overhead.
——A little love in big Manhattan.

Ceilings on ceilings and beds over beds;
Steamy air, wrapped in smoking shrouds;
From the top floor down, a chasm falls;
From above, acres open to the clouds.
——A little love in big Manhattan.

O huge night city, such grim strangeness
Wraps you up in the darkness here!
Man and wife sleep by the million
Like drunks all bloated up with beer.
— -A little love in big Manhattan.

Like monkeys in the trees, the children
Hang in their fire escapes, asleep;
Soot drifts down from above their heads,
Dropped by the moon, a chimney sweep.
——A little love in big Manhattan.

And the girl Bessie knows "from nothing"
And Sammy, too, with his open mouth,
And Monday swims up before your eyes,
A desert of dead miles toward the south.
——A little love in big Manhattan.

And even Bessie's poor old mother
No longer asks, "Where is that kid?"
It doesn't matter that black hair
Has all been bleached to blonde and red.
——A little love in big Manhattan.

It isn't that he's ill, the sad one
Who contemplates these things at night;
But sick of his own sadness only,
He lies and broods, his pipe alight.
——A little love in big Manhattan.

# גיי איך אַזוי

גיי איך אַזוי און טראַכט פֿון ברויט,
טרעף איך אָן פֿון העלער הויט
אַ ל״ו; קוקט ער מיך אָן
און פֿרעגט מיך, צי וויל איך אַ הון צי אַ האָן. . .
טראַכט איך: די הון גיט דעם מענטשן אַן איי,
דער האָן אָבער וועקט פֿון שלאָף מיט אַ קריי.
און איך דאַרף געבן עסן דעם פֿערד
און מעלקן די קו און דינען דער ערד.
זאָג איך אים, אַז איך וויל אַ האָן;
רירט ער מיט זײַן פֿאַטשיילע מיך אָן;
שפּרינגט אַרויס פֿון איר אַ האָן פֿון גאָלד, —
אַזוינער טאַקע ווי איך האָב געוואָלט.
נעם איך אים אונטער אַן אָרעם און גיי
ווײַטער אַזוי דורכן גאָרטן און שניי.
און איך רעכן מיר אויס דערווײַל וואָס איך האָב:
קאַלאָשן, אַ היטל אויף מײַן קאָפּ,
אַ רויטן שאַל און אַ האָן פֿון גאָלד
און איך טראַכט, וואָס נאָך איך וואָלט געוואָלט.
נאָר אַז איך הער, מען רופֿט מיך פֿון ווײַט,

אַזוי ווי מען וואָלט ניט געהאַט קיין צײַט,
שטעל איך זיך אָפּ און ווענד זיך אום
גיט מיר אַ פֿרוי דורך אַ פֿענצטער, אַ בלום,
נעם איך — רופֿט זי מיך אַרײַן
און הייסט דעם וואָס קניט, מיר ברענגען ווײַן;
טוט ער אָן דר׳ערד מיט זײַן קאָפּ אַ הילך
און לויפֿט און ברענגט מיר קאַשע מיט מילך, —
האָב איך דאָך קאַשע מיט מילך געוואָלט.
נעם איך דאָס גלײַך — ווי דעם האָן פֿון גאָלד —
אונטער מײַן אַנדערן אָרעם און גיי
ווײַטער אַזוי דורך גאָרטן און שניי,
און איך רעכן מיר אויס דערווײַל וואָס איך האָב:
קאַלאָשן, אַ היטל אויף מײַן קאָפּ,
אַ שאַל, אַ האָן, אַ בלום אין לאַץ,
און אַ שיסעלע קאַשע מיט מילך אויף אַ טאַץ.
און אַזוי ווי דאָס איז כּמעט וואָס איך וויל,
פֿעלט מיר נאָך — מער ניט אַ בעזימשטיל
צו מעסטן דעם שניי, אַ בייגל רויך
און צום היטל אַ פֿעדער אין דער הייך
און צו דעם נאָך אַ פֿרײַע מינוט אָדער צוויי,
זיך אַוועקצוזעצן עפּעס אַ זינג טון אין שניי.
נאָר אַזוי ווי איך ווייס, אַז דעם מענטשן אויף דר׳ערד
איז ניט אַלץ, וואָס ער וויל, צו האָבן באַשערט,
באַנוגן איך זיך מיט דעם וואָס איך האָב,
און דערבײַ טאַקע — ווי דאָס אויג אין קאָפּ,
היט איך אָפּ איך זאָל — אַזוי ווי איך גיי
ניט פֿאַרלירן, חלילה, עפּעס אין שניי.

# *I Walk Along*

I walk along, absorbed in thoughts of bread,
When, from out of the blue, just up ahead,
One of the Just gives me a stare, and then
Asks if I wish a rooster, or a hen.
Let's see: the hen lays eggs for Mankind's sake,
The rooster's crowing startles him awake.
But there's a horse's mouth I have to feed,
A cow to milk and soil to plow—I need,
In fact, the rooster, and I tell him so.
He touches me with his handerchief, and lo
And behold! a rooster made of gold jumps out—
The very kind I'd always dreamed about.
Under my arm I put him; off I go,
Like that, into the garden in the snow.
Meanwhile, I add up what I have: a red
Scarf, for one, the cap upon my head,
Galoshes, and a rooster made of gold.

I wonder what I still want—but I'm called
By a hurried, distant voice, I turn about:
A woman through a window reaches out
A flower to me, and I make it mine.
She asks me in, and orders up some wine
From someone kneeling, bowing to the ground
Until his forehead makes the floor resound;
He runs to fetch me milk and kasha—*nu*,
Kasha and milk was what I'd wanted, too.
I grab it, like the rooster made of gold
Under my other arm, and soon I've strolled
Farther into the garden in the snow.
Meanwhile, I add up wht I have to show:
Galoshes, the cap upon my head as well,
A scarf, a rooster, a flower in my lapel,
And a bowl of milk and kasha on a tray.
Since this is almost all I want today,
A broomstick now is all I might invoke
(To measure the snow), a bagel made of smoke,
A feather for my cap perched high up there,
And a minute—perhaps two—free as air
In which I might sit myself down, you know,
And sing a song of something in the snow.
But since I know that nobody on earth
Is bound to live in anything but dearth
Of what he wants, it's what I have I prize.
Really, too—as if guarding my very eyes—
I take great pains now, as along I go,
Not to lose anything (Horrors!) in the snow.

*John Hollander*

# סאַלוט

בײַ אונדז אין לאַנד איז אויך עפּעס דאָ —
און ווו קיין לאַמטערן־סלופּ איז נישטאָ
איז דאָ אַ בוים — און דאָס מיינט דאָך קלאָר
אַז אַ נעגער איבער צוואַנציק יאָר
מען האָסן אַלץ וואָס שטרעקט זיך אַרויף
צו האַלטן דעם, וואָס מען הענגט אים אויף.
נאָר יענעם וואָס, איך האָב שטאַרבן געזען,
קיין פֿופֿצן איז ער ניט אַלט געווען.

די ווײַסע אַלטע מויד האָט ניט אויסגעזען זיס.
אַ פֿאַרזשאַווערט שלאָס אויף אַן אַלטן וואַליס
די נאָז מיטן פּיסק. — און די הענט מיט די פֿיס,
איך זאָג דיר — זיך צורירן הויט צו הויט
צו אַזאַ מין פֿליאַקע, איז בעסער — טויט.

דו ביסט דו. — דאָס האָט זי אים אָנגעקלאָגט. —
און דו וועסט בײַ מיר הענגען, האָט זי געזאָגט.
עס איז וואָר — ר'האָט אין טויטשרעק פֿאַסקודנע געלאַכט;
נאָר געלאַכט האָט זי אויך און די סמאָלע געבראַכט,
און באַקוקט דעם בוים איבער זיך אין דער הייך.
און די פֿרייד פֿון המון בײַ דעם ערשטן רויך,
איך שווער — פֿון אַ משוגעים־הויז,
אין אַ שׂרפֿה, הערט מען אַזוינס ניט אַרויס.

און דער ערשטער לעפֿל סמאָלע בײַם האַרץ
איז הייס אויף הייס, און שוואַרץ אויף שוואַרץ.
און די אויגן ניט בליץ, נאָר אַ ווײַס געשטאַרץ.
און דאָס לײַב — עס רײַסט זיך פֿון דער הויט;
ניט אַנדערש, עס וויל זיך אויסטאָן פֿון טויט.

אָבער ניט נאָר האָט מען דעם בהמהניק
פֿאַרוואָרפֿן אַרום האַלדז אַ שטריק,
נאָר די פֿאָן פֿון דער רעפּובליק האָט מען אויך
אַרויפֿגעצויגן אין דער הייך —
און דער הימל איז בלוי — אים גייט ניט אָן —
און בײַם ווינט איז אַ שׂמחה מיט דער פֿאָן.

און איך — געשלאָגענער הונט — ניט אַ וואָרט.
ניט אַרײַנגעלייגט גאָרנישט — אַ שותּף צום מאָרד.

נאָר מען דאַרף ניט פֿאַרשלינגען אַ חזיר־שטאַל
צו ברעכן מיט דער גרינער גאַל,
דאָס באַזאָרגט שוין דער גלח, דער חכמה־קוואַל —
אויב די שוואַרצקייט — זאָגט ער — איז גאָטס אַ גרײַז,
איז אַ זינד זי צו לאָזן זיך מישן מיט ווײַס.

און איך זאָג דיר — ס'איז ניט דער קרעכץ פֿון צווײַג,
ניט דער שטריק, מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצײַג,
ניט דאָס פֿעדערל אין ווינטגעטרײַב
וואָס האָט פֿאַרזאַמט זיך צו קלעפּן צום לײַב,
נאָר דו — דאָס טרויער־געשטאַנק פֿון דער וועלט
וואָס האָט זיך פֿון ווײַטן אַנידערגעשטעלט,
מיט די הענט, דורך די קעשענעס, בײַם דיך,
פֿאַרטראַכטן אַ ליד פֿאַר דער וועלט און פֿאַר זיך.

גיי בעסער, וועק אויף דעם כּלי־זמר שאָפּען,
און זאָל ער אַ פּליוכע טאָן, אויב ער קען,
מיט טענער אַ ביסל — און זאָל מען זען,
אַז אַ גוי איז אויך אַ כּל־נדריניק,
ווען מען דאַרף צו פֿאַרגאָסן בלוט — מוזיק.

# Salute

There's always something in our land, too,
And when there's no lamppost that will do,
There's a convenient tree: what's clear's
That a Black of at least twenty years
Hates anything tall that, in a pinch,
Would hold you high enough to lynch.
Although the one that I saw get
Hanged, wasn't quite fifteen yet.

The white old maid has an unsweet face;
Like a rusty lock on an old suitcase
Were her nose and mouth, it must be said;
Feet? Hands? with such an old bag, instead
Of touching her skin, you're better dead.

She charged him: *You're the one,* she said,
*I'll have you hanged until you're dead.*
In his panic he laughed and befouled himself, true,
But she brought along tar, and she laughed too,
And gave a look at the tree up there.
As the first smoke puff went up, I swear,
The crowd—but you'd never hear the same
Even in looney-bins set aflame.

Tar at his heart, the very first spot,
Is black over black, hot over hot,
Each eye not lightning—a soft, white blot.
Body twists skin off, as if trying
Thus to divest itself of dying.

Not only was a rope then flung
And around the neck of the carcass strung,
But other ropes were pulled up high
Causing the Stars and Stripes to fly.
But the sky is blue and doesn't care,
And the flag's a joy to the windy air.
And I—whipped dog—watching what occurred,
A partner in crime, said not a word.

You don't need to swallow a pigsty, I guess,
To vomit up a greenish mess—
Just hear the priest, wisdom's fount, who says
If Blackness was God's blunder to begin,
Then letting it mix with white's a sin.

It's not the branch, its whining prattle,
Nor the rope, with its dangling rattle,
Nor the windblown feather, that had to miss
Its chance to give the corpse a kiss,
But you—the whole world's sorrow-stink
Who stood at a distance there to think—
Playing pocket pool, with your fingers curled—
To dream up a poem for yourself and the world.

Now go wake up Chopin, the musician, and let
Him overflow (if he doesn't forget
How) with tinkling noises, and you can bet,
When bloodshed needs background music, that few
Gentiles can't sing the *Kol Nidre* too.

*John Hollander*